# קינדערשע טרערן

זעט ווי עס יאָמערן
נאַקעטע צווייַגן
אין גאַס פֿון הימל-געוויין.
דאָס איז דער אָפּקלאַנג
פֿון קינדערשע טרערן
וועלכע זייַנען דורך מערדער-הענט
געבליבן אַליין.

דער שטורעמווינט פֿאַרשפּרייט זייער יאָמער
אין ווילדן אויסגעשריי.
דערציילט דער וועלט
פֿון קינדער דעם ווײ ...

נאָר צי דאַרף דען דער שטורעם
דערציילן ווי שרעקלעך ס׳איז זייער שמערץ?
יעדער מענטש קען דאָס פֿילן
און געוויס אַ ייִדיש האַרץ.

עס רוישן, עס קלאָגן
די צווייַגן.
און זעט אויך
אין יעדן טראָפּן פֿון רעגן
אַ טרער פֿון עלנטן קינד.